STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03495

3 YUBILARN

Isaac Unterman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יצחק אונטערמאַן

3 יובילאַרן

גראַפּישע פּאָרטרעטן און כאַראַקטער-סקיצן

אַרויסגעבער:
אַרבעטער-רינג בראַנטש 692
מיאַמי-ביטש, פלאָרידע

ISAAC UNTERMAN, PH.D.

DREI YUBILARN

♦

THREE JUBILEES

Copyright, 1956
by ISAAC UNTERMAN

Publishers:
WORKMEN'S CIRCLE BRANCH 692
Miami Beach, Florida

Printed in the United States of America

J. Kaminsky Art Printing
147 West 15th Street
New York, N. Y.

166

אינהאַלט:

באַאַמטע פון אַ. ר. ברענטש 692 און פּרויען־קלוב — — — — 5
באַגריסונגען — — — — — — — — — — — — — — 6
אַ באַגריסונג פון נחום כאַנין — — — — — — — — — — 7
יוסף דונטאָוו — — — — — — — — — — — — — — 13
הערי ספּיוואַק — — — — — — — — — — — — — — 25
איזידאָר קאהן — — — — — — — — — — — — — — 37

אַרבעטער־רינג ברענטש 692, מיאַמי־ביטש, פלאָרידע

באַאַמטע:

י. בירנבוים, פינ. סעקר. — העררי ספּיוואַק, קאַסירער
איזידאָר קאַהן, רעק. סעקר. — מאַקס גאָלדבערג, האָספּיטאַלער

עקזעקוטיוו־מיטגלידער:

ה. אַבראַמאָוויץ — א. מאָריס
בעסי כאַלאַדענקאָ — דוד ראָסי
יוסף דונטאָוו — מר״ס ה. ספּיוואַק
מ״ר און מ״רס י. גאָלד — ד״ר יצחק אונטערמאַן
ס. האָכבערג — ד. וואָלף
מר״ס דזש. קאַלמאַנסאָן — מר״ס ק. טישלער
י. מאַיעווסקי

• • •

פ ר ו י ע ן ־ ק ל ו ב

ב אַ אַ מ ט ע:

פּאָולין ראָסי, פינ. סעק. — איידאַ ספּיוואַק, קאַסירערין
יעטאַ קירשטיין, רעק. סעקר. — בעסי כאַלאַדענקאָ, האָספּיטאַלער

עקזעקוטיוו־מיטגלידער:

אסתּר בערנשטיין — גאָסי האָכבערג
דזשעני קאָהן — אַנאַ קאַלמאַנסאָן
איידאַ אייזענשטיין — סיליע לאַנדי
ראָזע פעלער — טילי ראַטנער
שרה גאָלד — קייטי טישלער
פעני גאָלדבערג — רעבעקאַ וואַרשאַווסקי

באַגריסונגען:

מיר באַגריסן אונדזערע דריי חשובֿע יובילאַרן: יוסף דונטאָוו, הערי ספּיוואַק און איזידאָר קאָהן, און ווינטשן זיי נאָך לאַנגע און לאַנגע יאָרן פֿון געזונט, נחת און פֿרייד.

אַלע דריי יובילאַרן פֿאַרנעמען אַ זייער חשובֿן אָרט אין אונדזער בראַנטש, און זיינען דער רוח התיכון — דער רוקנביין — פֿון אַלץ וואָס ווערט ביי אונדז געשאַפֿן און געטאָן אויפֿן געביט פֿון קולטור, וויסן און צדקה. זיי זיינען די פֿירער וואָס באַלייכטן אונדז אַלעמען דעם וועג פֿון פֿאָרשריט און אויפֿקלערונג; זיי לערנען אונדז ווי צו קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער און ליכטיקערער וועלט אין וועלכער גלייכהייט און פֿרייהייט זאָל דאָמינירן און ווערן דער כוח און יסוד פֿון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.

ווי באַוואוסטזיניקע אידן ווערן מיר אויך אָנגעוואַרעמט מיט זייער הויך, און העלפֿן מיט אין דער באַשטרעבונג פֿון אַ אידישגעזיכערט היימלאַנד אין ישראל.

אַרבעטער־רינג בראַנטש 692,

מיאַמי־ביטש, פֿלאָרידע.

• •

מיר באַגריסן די דריי יובילאַרן און ווינטשן זיי פֿילע יאָרן צו זיין צוזאַמען מיט אונדז, און ווי תמיד דינען ווי אַ גוטער ביישפּיל פֿון אומדערמידלעכער טעטיקייט לטובֿת דעם אַרבעטער־רינג און זיינע פֿאַרצווייגטע אינסטיטוציעס.

אין דער אַרבעט פֿאַר אַ געמיינזאַמען אידעאַל האָט איר געפֿונען אַ פֿעלד פֿאַר אייער אומדערשעפּלעכער ענערגיע, טאָ זאָלן אויך אייערע וויטערדיקע טעג און יאָרן באַשאָנקען ווערן מיט כּל־טובֿ: געזונט און פֿרייד פֿון קינדער און אייניקלעך.

אַרבעטער־רינג פֿרויען־קלוב, בראַנטש 692,

מיאַמי ביטש, פֿלאָרידע.

אַ באַגריסונג

פון נ. כאַנין
גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג

די וואָס ווען לייענען וועגן די דריי מענטשן וועלכע ווערן אין דעם ביכל באַשריבן, וועלן זיכער קריגן אַ באַגריף וועגן דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע — דער אַרבעטער־רינג.

דער אַרבעטער־רינג איז ניט קיין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, כאָטש עס האָט באַשטימטע אידייאישע איינשטעלונגען אין אַלע סאָציאַלע, געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־פּראָבלעמען. די אידייאישע איינשטעלונגען פון דעם אַרבעטער־רינג, זיינען אַלע מאָל געווען פון אַ ברייטן, מענטשלעכן כאַראַקטער. יעדער מענטש, אָן אונטערשייד פון וואָס פאַר אַ סביבה, פון וואָס פאַר אַ סאָציאַלן און גייסטיקן שטאַנד ער זאָל ניט האָבן געקומען, האָט געקענט אינעם אַרבעטער־רינג אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע פעאיקייטן און פאָרזעצן זיין גייסטיקן לעבן.

יוסף דונטאָוו, הערי ספּיוואַק און איזידאָר קאָהען זיינען אימיגראַנטן פון דער אַמאָליקער, צאַרישער רוסלאַנד. אין דער אַלטער היים האָט יעדער איינציקער פון זיי געהערט צו אַן אַנדער סאָציאַלער גרופּע אין דעם אידישן לעבן, און די סביבה פון זייער לעבן איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע.

יוסף דונטאָוו איז געקומען קיין אַמעריקע אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ביי זיין פּראָפעסיע איז ער

געוועזן אַן אינזשעניר. זיינע עלטערן אין דער אַלטער היים זיינען געוועזן אָרעמע אָבער זייער אָנגעזעענע אידן. ביז יוסף דונטאָװס קומען קיין אַמעריקע איז ער דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן וועג פון רעוואָלוציאָנערער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט האָט ער נאָך אַלס אַ יונגער אינגל מיט דעם אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער „בונד" פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד. ער איז געשטאַנען אַלע מאָל אין די פאָדערשטע רייען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט שטודירט, געלייענט, — און צוליב דעם איז ער געוואָרן איינער פון די אינטעליגענטע פירער אין דער אידישער און רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

זיין וועלטלעכע דערציאונג האָט ער באַקומען פון דער רוסישער און דייטשישער קולטור: אין זייערע שולן האָט ער זיך געלערנט, זייער ליטעראַטור האָט ער געלייענט. אַלס קינד האָט ער באַקומען אַ אידיש-טראַדיציאָנעלע און תלמודישע דערציאונג.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מלחמה און ער איז געראַטעוועט געוואָרן דורכן „אידישן אַרבעטער קאָמיטעט" אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער דאָ זיין געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע טעטיקייט ווייטער פאָרגעזעצט. און עס איז מערקווירדיק, ביי יעדן אימיגראַנט נעמט אַ לאַנגע צייט ביז-וואַנען ער געוואוינט זיך צו, זאַפט אין זיך אַריין דעם גייסט און כאַראַקטער פון דעם נייעם לאַנד.

אָט די איבערגאַנגס-צייט איז ביי זייער אַ סך אימיגראַנטן אַ טראַגישע. זיי גייען אַרום מטושטש און באַגרייפן נישט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי.

גאַנץ אַנדערש איז געוועזן יוסף דונטאָװ. ער האָט גלייך מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה זיך גענומען אַריינלעבן אין

דעם אידישן און אַמעריקאַנעם לעבן; ער איז געוואָרן אַ מיט־גליד פֿונעם אַרבעטער־רינג און האָט דעם אַרבעטער־רינג ליב געקראָגן, און ווען ער האָט זיך באַזעצט אין מיאַמי, האָט ער מיט זיין אינטעליגענץ און ענערגיע דעם אַרבעטער־רינג אין מיאַמי געגעבן שוואונג. ער האָט דעם אַרבעטער־רינג און זיין מיטגלידערשאַפֿט דערצויגן, דערוויזנדיק זיי די וויכטי־קייט ניט צו זיין אָפּגעזונדערט פֿון אידישן לעבן, נאָר פֿאַר־קערט, ווערן טעטיק אין אַלע צווייגן און אַקטיוויטעטן פֿון דעם אַרבעטער־רינג. אין אַלע אידיש־געזעלשאַפֿטלעכע אינסטי־טוציעס אין מיאַמי־ביטש, שטייט יוסף דונטאָוו אַלס ענער־גישע און פֿירנדיקע פערזענלעכקייט.

פֿון אַן אַנדער שניט און כאַראַקטער איז דער צווייטער יובילאַר, הערי ספּיוואַק. ער איז געקומען פֿון אַ סוחרישער הויז. זיין פֿאָטער האָט פֿאַרוואַלטעט מילן און איז געווען אַ רייכער, אָנגעזעענער איד. אָבער ספּיוואַק האָט צו לערנען קיין חשק ניט געהאַט. אין זיין קליין שטעטעלע האָט ער שוין דערפֿילט די רענעסאַנס־עפּאָכע פֿון אָנפֿאַנג צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין דער היים, ביי טאַטע־מאַמע, איז ער געווען אַ צע־פּיעשטשעטער אינגל, אַ שטענדיק קאַפּריזנער, אַן אומרואי־קער, האָט ער זיך צו עפּעס אַ נייעם לעבן געריסן, נאָר אַליין ניט געוואוסט וואָס דאָס נייע לעבן שטעלט מיט זיך פֿאָר.

נאָך אַלס גאָר אַ יונגער אינגל איז ער געקומען קיין אַמעריקע, און די אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט האָט אים גע־מאַכט פֿאַר אַ געזעצטן און פּראַקטישן מענטשן.

ער איז אויך געוואָרן אַ מיטגליד אינעם אַרבעטער־רינג. געווען אַקטיוו אין דער יוניאָן ביי דעם פֿאַך ביי וועלכן ער

האָט געאַרבעט. זיין פּראַקטישער שכל האָט אים געפירט אויפן וועג פון רייכקייט.

ווען ער האָט זיך באַזעצט אין מיאַמי־ביטש, איז ער געוואָרן איינער פון אונדזערע אַקטיוויסטע טוער. ער קריגט דעם רעספּעקט און דרך־ארץ פון אַלע זיינע באַקאַנטע. ער האָט געהאָלפן דעם אַרבעטער־רינג אין מיאַמי־מיטש צו ווערן דאָס וואָס ער איז היינט־צו־טאָג.

איזידאָר קאָהען, איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל ביי זייער אָרעמע עלטערן. געוואָרן אַ יתום ווען ער איז נאָך גאָר אַ יונגער אינגל געווען; ער האָט געגעסן טעג ביי פרעמדע טישן. ביי די פרעמדע טישן איז ער זיך אויסגעשטאַנען דאָס וואָס עס איז אויסגעשטאַנען י. ל. פּרצעס העלד „באָנציע שווייג״.

איזידאָר קאָהען איז אָבער געווען ניט קיין שווייגנדיקער. אינערלעך אין זיין קינדערשער נשמה האָט ער געוואָלט מער ווי אַ בולקע מיט פּוטער. אין אים האָט אויפגעלעבט דער פּראָטעסט, די אומצופרידנקייט מיט דער היינטיקער אָרדענונג.

צום סאָציאַליזם און צו דער אַרבעטער־באַוועגונג איז קאָהען געקומען ווייל זיין קאָפּ און זיין האַרץ האָבן אים געפירט דערצו. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פונעם יונגן „בונד״, געווען עטלעכע מאָל אַרעסטירט און איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

אויך ער האָט זיך אין אַמעריקע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג: געהאָלפן בויען די קלאָוקמאַכער־יוניאָן; איז געווען אַקטיוו אין ניו־יאָרק אין אַרבעטער־רינג; ער האָט זיך דערהייבן צו זיין אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַ־

לער־עקזעקוטיווע, און צו אַלץ איז ער דערהייבן געוואָרן דורך זיין אויפֿריכטיקייט, אָרנטלעכקייט און גראַדן שכל.

אין מיאַמי־ביטש, פֿאַר די לאַנגע יאָרן וואָס ער געפֿינט זיך דאָרטן, איז ער אַקטיוו אינעם אַרבעטער־רינג, אין די אַר־בעטער־רינג־שולן; היט דעם לייבאָר־לייסעאום ווי אַ פֿרומער איד אין אַ קליין שטעטל היט דעם בית־המדרש.

אָט די אַלע דריי טיפּן האָבן געבויט און בויען דעם אַר־בעטער־רינג, יעדער איינציקער לויט זיינע מעגלעכקייטן, יע־דער איינציקער לויט זיינע פֿעאיקייטן, און אַלע דריי טראָגן צו זייער חלק צו דעם גרויסן בנין, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַרבעטער־רינג און וואָס איז אַ שאַפֿנדיקער און בויענדיקער טייל פֿון היגן אידישן לעבן.

צו זייערע פּערזענלעכע יום־טובֿים וויל איך אויך צוטראָגן צו אַלע דריי יובילאַרן מיין אייגענע האַרציקע באַגריסונג.



יוסף דונטאָו

יוסף דונטאָוו

א.

נו, איז יוסף דונטאָוו שוין מיט מזל און ברכה אַ חתן־היובֿל, אַ בן שבֿעים לשיבֿה, אַ זקן שקנה לו חכמה.

וואָלט ער דאָך געדאַרפֿט זיין לוסטיק און כלו חדוהדיק, וואָרן לאַו־כל־אָדם זוכה לכך. און דאָך? דאָך שאַפֿט זיך כסדר דער איינדרוק ווי ער וואָלט תמיד אַרומגעגאַנגען אַ תפֿילהדיק־פֿאַראומערטער און ברוגזדיק־פֿאַרזאָרגטער.

דוכט זיך אַ איד אַ קיין עין־הרעדיקער, אַ מענטש מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און באַקן זאַטע און רויטע, און דאָך? דאָך שאַפֿט זיך תמיד דער איינדרוק ווי ער וואָלט אַרומגעגאַנגען אין אַ פֿאַרכמאַרעטן אלולדיקן פֿאַרטאָג און געשריען:

— „אידן, שטייט אויף צו עבֿודת־הבורא! אידן, שטייט אויף צו סליחות!“

דונטאָוו איז אַ וועלטלעכער איד, אַ מאַרקסיסטישער סאָציאַליסט, און דאָך זע איך אין אים דעם אַלט־אידישן מגיד און מוסר־זאָגער, וואָס וויל אַלעמען מזכה זיין מיט אַ שטיק שור־הבור און לויתן.

וואָרן, ווער קען דען באמת איינהאַלטן אָדער איינצאַמען דעם באַוועג־כוח פֿון אַ אידן וואָס איז אַן אויסגעפּרואווטער קולטור־מענטש?

מיך האָט אָפֿט געחידושט וואָס דונטאָוו גייט תמיד פּראָלעטאַריש געקליידט, די בגדים ניט אויסגעפּרעסט און צו־

קנייטשט. איז ער דאָך באמת אַחוץ זיין שאָדן אויף מיר גע־זאָגט, טאָ פאַרוואָס אַזאַ יאַטישקייט? ביסלעכווייז בין איך דערגאַנגען דעם סוד און סיבה:

דונטאָוו טראָגט אויף זיינע פּלייצעס פּאַקטיש דעם גאַנצן אַרבעטער־רינג אין דרום־דיסטריקט, איז אַ כל־וכל אין אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַ וויצע־פּרעזידענט אין דער אידישער דערציאונגס־ביוראָ, אַ פּאָרזיצער פון יערלעכן בוך־חודש, אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד אין דער אידישער צדקה־פעדעראַציע, טראָגט ער דעריבער תמיד מיט זיך כלערליי שמותן און פון זיינע קעשענעס שטעקן תמיד אַרויס כלערליי בריוו, צירקו־לאַרן, בראָשורן און סתם שריפטן. וואָס גרעסער די קעשע־נעס, אַלץ מערער זיינען זיי אָנגעפּיקעוועט מיט לייען־און־שרייב־מאַטעריאַל.

דונטאָוו, דער נאָך־מלחמהדיקער אימיגראַנט, איז אין מיאַמי אויסגעוואַקסן ווי איינער פון די קאַלירפולסטע פּער־זענלעכקייטן. דאָ, אין מיאַמי, האָט ער משמעות געקראָגן זיין אמתדיקן תיקון; דאָ איז זיין פּילזייטיקייט געקומען צום קלאָרסטן אויסדרוק.

קודם־כל איז דונטאָוו פאַרבליבן דער טרייער סאָציאַ־ליסט און פיאָנער פון אַ דור, וואָס האָט מיט שוויס און בלוט אויסגעטראָטן דעם וועג פונעם אַרבעטנדיקן אידן. והשנית, האָט ער זיך אומגעקערט צום סאַמע ערשטן מקור זיינעם און זיך פאַרבונדן מיט דער דערלייזונג פון אידישן פאָלק.

וואָרן דונטאָוו דער איד און מענטש איז ניט פון יענעם סאָרט טוער ביי וועמען אַ באַשטימטע פונקציע פאַרנעמט דעם סאַמע אויבנאָן און בלייבט קאַלט צו אַלע אַנדערע נויטן. ביי דונטאָוון איז דאָס סאַמע קלענסטע שרייפּעלע אין דעם גרויסן אידיש־געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט אַן עיקר־גדול־בתורה. זאַכן

וואָס אַ סך פֿון אנשי־שלומינו איגנאָרירן, איז ביי דונטאָוון ניט ווייניקער טייער ווי דאָס סאַמע גרעסטע און וויכטיקסטע.

דונטאָוו איז בטבֿע אַ קאַפּריזנער און שווערער מענטש. אין זיין שטאַרקער סענסיוויטעט, פֿאַרטראָגט ער אָפֿט שווער־לעך אַ קעגנערישע מיינונג אָדער שטעלונג. איז ניט אַלע פֿאַרשטייען אים און ניט אַלע שאַצן אים ווי געהעריק אָפּ. מיר איז ער אָבער דווקא ניחא, און מיר געפֿעלט שטאַרק זיין קידער־ווידער און אָפֿטע אַפּיקורסוס. און דאָס דאָזיקע דער־מאָנט מיך אַ קלוגן חסידישן דיבור:

אַ חסיד האָט אַמאָל געפֿרעגט זיין רבין: — „צוליב וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן אַפּיקורסוס? מילא, פֿאַרוואָס נאַרישקייט איז באַשאַפֿן געוואָרן, איז ניט שווער תּופֿס צו זיין, טובֿ מחכמה סכלות מעט — ס׳איז גאָרניט אַזאַ חכמה צו זיין טאָג און נאַכט אַ חכם. אָבער אַפּיקורסות למה זה אנכי, צו וואָס אַ שטייגער דאַרף איך עס?״

— „יאָ״, — האָט דער רבי געענטפֿערט, — „אַפּיקורסוס איז געוואַלדיק נייטיק, און אַפֿילו איך און דו דאַרפֿן אויך אַ מאָל ווערן אַפּיקורסים. אַז ס׳קומט אַ מאָל צו טאָן אַ גוטע טאַט לטובֿת־הכלל אָדער לטובֿת־היחיד, זאָלסטו ניט גלויבן אַז גאָט ברוך הוא וועט עס טאָן אָן דיר, אָן דיין הילף. אַדרבה, זיי בשעת מעשה אַן אַפּיקורוס און גלויב אַז נאָר דו, און טאַקע דו, קאָנסט העלפֿן״.

דונטאָוו איז דער דאָזיקער אַפּיקורוס און גלויבט אַז נאָר ער מוז אַלץ טאָן, און דערפֿאַר איז ידו־בכול, דערפֿאַר האָט ער אומעטום זיין אייגענע מיינונג און אומעטום איז ער דער טוער מיט זיין גאַנצער אוקראַינער פֿאַלקסטימלעכקייט, ליט־ווישער שכלדיקייט און פּוילישע התלהבֿותדיקע חסידיש־קייט.

אין זיין פּירערשאַפֿט און פּילע אויפֿטואונגען מערקט זיך גאַנץ בולט זיין פּילזייטיקער וויסן און פּיינע אינטעליגענץ, אָבער צי ער איז אויך אַ איד אַ למדן ווייס איך ניט. איך ווייס אָבער יאָ, אַז ער איז אַ איד מרחקים-ווייט פֿון עם-הארצות. די גירסא דינקותא, אָט דאָס וואָס ער האָט געלערנט בהתמדה ביז פּופֿצן יאָר, האָט ער פּיל ניט פֿאַרגעסן. נאָך איצטער האָט ער ליב צו ציטירן אַ פּסוקל פֿון תנ״ך, אַ מאמר חז״ל אָדער אַ שיין מעשהלע פֿון מדרש. די שיינקייט דערביי איז וואָס ער, דער הונדערט-פּראָצענטיקער וועלטלעכער איד, טוט עס מיט אַ געפֿיל פֿון ליבע און פֿאַרערונג.

איך האָב נאָך קיין מאָל דונטאָוון ניט געזען אַ לאַכנדיקן אָדער שמייכלענדיקן, אָבער בעת ער ציטירט אַ פּסוקל אָדער אַ מאמר לויכטן ביי אים אויף די אויגן מיט אַ זוניקער ליכטי־קייט און אויף די ליפּן צעגיסט זיך אַ שמייכל פֿול מיט אינער־לעכער פֿרייד.

יוסף דונטאָוו שעצט געוואַלדיק הויך ברייטע אַלגעמיי־נע בילדונג און וועלטלעכע אידישקייט, אָבער גלייכצייטיק פֿאַרמאָגט ער אויך אַ וועלט מיט דרך-ארץ און פֿאַרערונג פֿאַר אידישע לומדות און אירע שאַפֿער. אויך אין דעם פּרט, פּונקט ווי אין זיינע געזעלשאַפֿטלעכע טואונגען, עקסיסטירט פֿאַר אים ניט קיין „גרויסע״ און „קליינע״, „וויכטיקע״ און „ניט־וויכטיקע״. אַלץ און אַלע וואָס האָבן עפּעס בייגעטראָגן צום אידישן וויסן און שאַפֿן, זיינען ביי אים גרויס און וויכטיק.

יוסף דונטאָוו, וואָלט איך זאָגן, איז אַ גאָר פּיינע קאָמבי־נאַציע פֿון מענטש און איד, איד און מענטש, און דערפֿאַר אַ פּערזענלעכקייט וואָס פֿאַרדינט פֿאַרערונג אַפֿילו מצד אידיי־אישע קעגנער.

ב.

יוסף דונטאָוו איז געבוירן געוואָרן אין 1885, אין קריטשעוו, ווייס־רוסלאַנד. די היים און סבֿיבֿה איז געווען אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישע, און דער פֿאָטער זיינער, אַ גרויסער למדן און ירא־שמים, האָט דווקא געוואָלט אַז דער בן־זקונים זאָל ממשיך זיין דעם דורות־לאַנגן רבנישן יחוס.

ביז אַ שטיק נאָך בר־מצווה האָט יוסף דונטאָוו טאַקע אויפֿגעהאַלטן דעם משפּחה־יחוס פֿון לומדות און פֿרומקייט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ שאַרפֿן מוח, אַ גוטע תּפֿיסה און גאָר גרויסע התמדה. צו פֿופֿצן יאָר איז יוסף דונטאָוו שוין געווען אַן אָנגעזעענער ישיבֿה־בחור, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיינע לימודים.

דעמאָלט איז אָבער פֿאָרגעקומען דער איבערבֿרוך אין זיין גייסטיקן לעבן, וואָס האָט אויף לעולם־ועד געענדערט זיין געשטאַלטיקייט. אין שטעטל איז אָנגעקומען אַ נייער דאָקטאָר, אַ פּאָליטיש־פֿאַרשיקטער, און ער האָט משפּיע געווען אויף דער יוגנט, בתוכם אויך יוסף דונטאָוו.

אָן דעם וויסן פֿון די עלטערן און משפּחה, האָט ער זיך אויף אַן אויטאָ־דידאַקטישן אופֿן אָנגעהויבן צו לערנען שפּראַכן, ליטעראַטור און אַלגעמיינע וויסנשאַפֿט. זיין התמדה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין משך פֿון עטלעכע געציילטע יאָר האָט ער געקראָגן אַ מאַטורע פֿון אַ רעגירונגס־גימנאַזיע און זיך געגרייט אַריינצוטרעטן אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

ווי דער גרויסער רובֿ פֿון דער אידישער שטודירנדיקער יוגנט דעמאָלט, איז יוסף דונטאָוו אויך פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון די רעוואָלוציאָנערע אידייען און געוואָרן אַ פּירנדיקע פֿיגור אין „בונד״. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פֿון מאָליווער ראַיאָנעם קאָמיטעט, אָרגאַניזאַטאָר פֿון אָרטיקן זעלבסטשוץ און פּראָפֿעסיאָנעלער אַגיטאַטאָר. שפּעטער איז ער אין ווילנע געווען געהילפֿס־סעקרעטאַר פֿון די „בונד״־צייטונגען „פֿאָלקס־צייטונג״, „אונזער וואָרט״ און „אונזער טריבונע״.

דונטאָוון האָט געצויגן צו אַ העכערער וועלטלעכער בילדונג, און ער האָט סוף־כל־סוף פֿאַרלאָזן רוסלאַנד וואו פֿאַר אַ אידן איז פּאַקטיש אוממעגלעך געווען אַריינצוטרעטן אין אַן אוניווערסיטעט. מיט אָרעמע געלט־מיטלען אָבער מיט אַ שטאַרקן ווילן איז ער אָנגעקומען אין דייטשלאַנד, און אַריינגעטראָטן אין דער בערלינער טעכנישער הויכשול פֿון וועלכער ער האָט שפּעטער גראַדואירט מיט אַן אויסצייכענונג אַלס מעכאַנישער און עלעקטראָטעכנישער אינזשעניר.

אין 1910 איז יוסף דונטאָוו צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד און געוואָרן אַן אינזשעניר ביי אַן עלעקטריציטעט־געזעלשאַפֿט, וואו ער איז אין אַ משך פֿון אַ קורצער צייט געשטיגן צום אַמט פֿון טעכנישן דירעקטאָר.

אין די אַלע יאָרן פֿון שטודירן און אַרבעטן אַלס אינזשעניר און טעכניקער, האָט ער אַפֿילו אויף איין איינציקע רגע ניט אויפֿגעגעבן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין די רייען פֿון „בונד״. אין 1917 האָט ער שוין פֿאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד״ אין אוקראַינע, און אַפֿילו מיטגעאַרבעט אין דער אָרטיקער בונדישער פרעסע.

ביים אויפֿשטייג פֿון די באָלשעוויקעס, איז יוסף דונטאָוו

געווען צוויי מאָל אַרעסטירט, אָבער צוליב זיין פּראָפּעסיאָנעלער ספּעציאַליטעט האָט מען אים באַפֿרייט און אים אַוועקגעשטעלט אין דער סאַמער פּירערשאַפּט פֿון דער עלעקטראָטעכנישער אינדוסטריע.

אין 1927 איז דונטאָוו ווידעראַמאָל געקומען קיין בערלין, און דאָס מאָל שוין ווי אַן אָפּיציעלער קאָנסולטאַנט פֿאַר דער רוסישער עלעקטראָטעכנישער אינדוסטריע. אין בערלין איז דונטאָוו ווידעראַמאָל געקומען אין באַריר מיטן אידיש־געזעלשאַפּטלעכן לעבן און באַלד געוואָרן אַן אַקטיווער טוער אין „אָרט״, פֿאָרזיצער פֿון „איוואָ״־קאָמיטעט און מיטגרינדער פֿון „די אַלגעמיינע אידישע ענציקלאָפּעדיע״. אויף וויפֿל ס׳איז דעמאָלט געווען מעגלעך, האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין אַלע אָרטיקע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן.

ביים אויפֿשטייג פֿון היטלערן, ימח שמו, איז דונטאָוו אַנטלאָפֿן קיין פּאַריז, וואו ער האָט מיט נאָך פֿיל מערער ענערגיע זיך פֿאַרנומען מיט אידיש־געזעלשאַפּטלעכע טעטיקייטן. ער האָט, למשל, אָרגאַניזירט די מעכאַנישע פֿאַכן אין די „אָרט״־שולן, האָט זיך באַטייליקט אין אַרויסגעבן „די אַלגעמיינע אידישע ענציקלאָפּעדיע״, געווען אַקטיוו אין פּאַריזער „בונד״, מיטגעאַרבעט אין בונדישן אָרגאַן „אונזער שטימע״ און געווען וויצע־פֿאָרזיצער אין „די אידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק״.

בעת היטלער האָט אין 1940 אַריינגעדרונגען אין פֿראַנקרייך, איז יוסף דונטאָוו געווען איינער פֿון די אומצייליקע וועמען דער „אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט״ האָט אַרויסגעראַטעוועט און געבראַכט קיין אַמעריקע.

ביז דעם סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דונטאָוו געלעבט אין ניו־יאָרק, און צוזאַמען מיט זיינע צוויי

זין, אויך גראַדואירטע אינזשענירן, געאַרבעט אין דער אַוויאַ־ציע פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. הגם די אַרבעט איז געווען אַ זייער שווערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע, זיבן טעג אַ וואָך און זעכצן שעה אַ טאָג, האָט ער דאָך ניט פֿאַרנאַכלע־סיקט און זיך תּיכּף אָנגעשלאָסן אין „אַרבעטער־רינג", „בונד" און „סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד".

נאָך די מלחמה־יאָרן האָט דונטאָוו צוליב זיין געזונט אויפֿגעגעבן זיין פּראָפֿעסיע, און זיך אַריבערגעקליבן קיין מיאַמי־ביטש, פֿלאָרידע. דאָ איז ער תּיכּף געוואָרן דער וויכטי־קער געזעלשאַפֿטלעכער טוער, וואָס איז איצטער אַ שם־דבֿר.

אַ דאַנק זיין פֿילפֿאַכיקע דערפֿאַרונג, אינטעליגענץ און אידעאַליזם, איז ער, הויפּטזעכלעך אין די קרייזן פֿון „אַרבע־טער־רינג", געוואָרן גאָר גיך פּאָפּולער און אָנערקענט. אויף דער 28סטער קאָנפֿערענץ פֿון דרום־דיסטריקט, האָט מען אים דערוויילט אַלס געהילף־סעקרעטאַר און אָנפֿאַרטרויט די רעדאַקציע פֿון יובֿליי־זשורנאַל „אין דרום־לאַנד".

דער יובֿליי־זשורנאַל לכּבֿוד דער דרייסיק־יאָריקער קאָנפֿערענץ, וואָס אַנטהאַלט העכער צוויי הונדערט זייטן, גרויסן פֿאָרמאַט און ברייט־געדיכטע שורות, איז פֿאַקטיש די אַרבעט פֿון יוסף דונטאָוון אַליין. ער האָט ניט בלויז רע־דאַקטירט, נאָר געשריבן און איבערגעשריבן יעדעס וואָרט. אָט דער דאָזיקער יובֿליי־זשורנאַל איז ממש אַ יחיד־במינו קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו ; ער אַנטהאַלט אַ פֿולשטענ־דיקע געשיכטע פֿון פֿערציק יאָר אַרבעטער־רינג אין זעקס דרום־שטאַטן. בכלל וועט דער קינפֿטיקער היסטאָריקער אין דעם דאָזיקן זשורנאַל געפֿינען אַן אוצר מיט געשיכטלעכן מאַטעריאַל.

וואָס שייך יוסף דונטאָוו אין דער ראָלע פֿון אַ רעדאַק־טאָר און היסטאָריקער, איז דער דאָזיקער זשורנאַל דער בעס־טער טעסטאַמענט. קודם־כל האָט ער אַליין געשריבן דריי וואָגיקע אָפּהאַנדלונגען: אידישע שולן אין אַמעריקע, דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט און דער אידישער וויסנשאַפֿט־לעכער אינסטיטוט. חוץ לזה איז ער שוין זיבן יאָר סעקרע־טאַר פֿון דיסטריקט, און אין יעדן יאָר פֿון די דאָזיקע זיבן האָט ער פּאַקטיש מיט אייגענע כוחות אַרויסגעגעבן פּונקט אַזאַ וואָגיקן יאָרבוך.

נאַציאָנאַל איז יוסף דונטאָוו וויצע־פּאָרזיצער פֿון „אי־דישן אַרבעטער־קאָמיטעט", באַארד־מיטגליד פֿון „אידיש־וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט", פֿון „אַלוועלטלעכן אידישן קול־טור־קאָנגרעס" און פֿון „דזשאָינט רעליעף־קאָמיטעט". אַגבֿ, איז דונטאָוו אויך פֿאַרצייכנט אין „ווער איז ווער אין אידישן לעבן".

לאָקאַל איז ער אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד אין דער „פֿע־דערייש‏אָן אָוו דזשואיש טשאַריטיס", ערן־פּאָרזיצער אין דער „ביוראָ פֿאַר אידישער דערציאונג" און פּאָרזיצער פֿון „אידישן בוך־חודש".

דונטאָוו האָט אויך אַ באַשיידענעם אופֿן געפּייערט זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג. אין משך פֿון די דריי־פיר שעה וואָס זיין שטוב איז געווען אָפֿן פֿאַר געסט זיינען געקומען בלי־גוזמא העכער פינף הונדערט פּערזאָן, וואָס האָבן מיט זיך רעפּרעזענטירט דאָס שמאַלץ און זעמל־מעל פֿון דער מיאַמי־געזעלשאַפֿט. אַלע שיכטן, קלאַסן, דענאָמינאַציעס און פּראָפֿעסיעס זיינען דאָרטן געווען פֿאַרטראָטן, און צווישן זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן כלערליי רבנים און ראַבייס;

אַמעריקאַנער געבוירענע פּראָפּעס־אָנאַלן און אידישע און גויאישע שטאָט־טאַטעס; אויסגעפּרוואוטע זשיטלאָווסקיאַנער אידישיסטן און קנאידיקע פּערסקיאַנער העברעאיסטן. צו־זאַמען מיט דעם אָקספּאָרד־ענגליש האָט זיך אויך געהערט דער פאָלקסטימלעכער „ליטווישער אידיש" און מה־יפּיתדיקער גאַליציאַנער פּויליש און דייטש.



העריס ספּיוואַק

העריי ספּיוואַק

א.

שוין ביי דער סאַמע ערשטער באַגעגעניש מיטן בעל־היובל, איז דער איינדרוק געווען אַ גאָר טיפער און איך האָב אָנגעהויבן צו קריגן גרויסן דרך־ארץ אָט פאַר דעם דאָזיקן עמך־איד מיט זיין אויפריכטיקן און פשטותדיקן כאַראַקטער.

בעת ספּיוואַק שטעלט זיך ריידן אָדער אָפּגעבן אַ פּשוטן באַריכט — און זאָל ער מיר מוחל זיין במחילה־גמורה, ניט ער קען האַלטן אַ רעדע און ניט זיינע באַריכטן זיינען סיס־טעמאַטיש פונאַנדערגעוויקלט — צעגיסט זיך איבער מיין גאַנצן וועזן אַ מין יראת־הכבוד, און אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום און צעשפּרייט זיך איבער אַלע מיינע אָדערן און גלידער. יעדעס וואָרט זיינס, ניט געקינצלט און ניט גע־טאָקט, ניט באַפּאַרבט און ניט באַפּוצט, לאָקט און מאַניעט, גלעט און צערטלט, ווי אַ זון־אויפגאַנג אין אַ מאַיאָוון פרי־מאָרגן.

ס׳איז באמת שווער זיך אָפּצוגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון פון וואַנען ס׳דערנעמט זיך אָט די דאָזיקע וואַרעמקייט זיינע. קיין איבעריקע אינטעלעקטועלע אייגנשאַפטן פאַרמאָגט ער דאָך ניט, קיין פּעאיקער פּאָליטיקער איז ער דאָך אַוודאי ניט, קיין גרויסער שטופּער און כבוד זוכער איז ער, משמעות, אויך ניט. טאָ וואָס זיינען באמת די כאַראַקטער־שטריכן פון

זיין פערזענלעכקייט ? וואו ליגט באמת זיין אויסגעצייכנט־קייט און איינציקייט ?

דאַרף מען דעם ענטפֿער ווייט ניט זוכן, וואָרן די פּער־זענלעכקייט איז בולט־קלאָר און ליגט ממש פֿון אויבנאויף. ראשית־כל, זיין סטאַטור : דער גרייז־גרויער געדיכט־באַ־וואַקסענער קאָפּ האָר, די ליכטיקע ברייט־צעעפֿנטע און ווייט־זעעוודיקע אויגן, דאָס יונגע סעמעטריש־געמאָסטן גע־זיכט מיט די אַראַנדזש־פּאַרביקע בעקעלעך ווי ביי אַ צנועות־דיק יונג מיידל — אָט דאָס אַלץ רופֿט אַרויס דרך־ארץ און יראת־הכבוד. אָפּט מאָל פּאַרדריסט אַפֿילו וואָס ספיוואַק טראָגט ניט אויף זיך דעם טראַדיציאָנעלן טראַכט מיט דער לאַנגער גרויער באָרד און ברייטע געקרייזלטע פיאות. ער וואָלט דעמאָלט זיכער אויסגעזען ווי אַ פּאַטריאַרך אָדער עפּעס אַ הייליקער, אַ צדיק.

והשנית — און דאָס דאָזיקע איז דער עיקר־שבעיקרים — די פשטות און עניוות, די גוט־ברידערלעכקייט און פֿאָלקס־טימלעכקייט. צווישן די טוער אין די היגע קרייזן, וואָלט איך זאָגן, זיינען פֿאַראַן ווייניק וואָס טוען זייער כלל־אַרבעט מיט עניוות און תמימות, און דערפֿאַר איז ספיוואַק אַזאַ אָנגענעמער אויסנאַם. פֿון אים שטראַלט תמיד אַרויס די אויפֿריכטיקע פשטות און גוטהאַרציקייט. יעדע טאַט זיינע איז טיף דורכ־געדרונגען מיט זעלטענע פשטות און מיט אַ געפֿיל פֿון האַר־ציקע באַשיידנקייט און מענטשלעכע גוטסקייט.

ספיוואַק איז איינער פֿון די ווייניקע אין די היגע אַרבע־טער־רינג קרייזן, וועלכער איז קיין מאָל ניט יוצא מיט שיינע רייד און דבֿרים־בעלמאָ ; אין זיין פשטות האָט ער תמיד די אייגנשאַפֿט צו באַקליידן זיין מינימאַלן וואָרט מיט דער גרע־סטער מאָס מעשים.

דורך זיינע פײַנע מידות, דורך זיין פשטות און עניוות, דורך זיינע מעשים און געטרייקייט, האָט ער בלויז אין אַ משך פֿון געציילטע יאָרן באַוויזן זיך צו דערוואָרבן אַ באמת אָנגעזעענעם אָרט און אַפֿילו דערגרייכט צו אַן אַמט אין דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרן.

ספּיוואַק איז אַ פּערזענלעכקייט פֿון וועלכן ס׳קוועלט און קוואַלט מיט אַ סך מיים-חיים, מיט אַ סך מעלות-טובֿות, און מ׳דאַרף ניט קאַלופּען מיט דער פֿעדער כדי צו געפֿינען אַ גוט וואָרט. פֿאַרקערט, מ׳דאַרף די פֿעדער צוימען בכדי זי זאָל זיך ניט פֿונאַנדערגאַלאָפּירן מיט צופֿיל שבֿחים און לויב-געזאַנגען אויף זיין 65-יאָריקן חשבון.

ס׳איז שווער צו זאָגן וואָס ס׳האָט געפֿירט ספּיוואַקן אין די רייען פֿון אַרבעטער-רינג, אָבער זיכער איז אַז ס׳איז געווען זיין ליבשאַפֿט צו פּרינציפּן און יושר. ספּיוואַק, דאָס רייכע זינדעלע וואָס האָט זיך אין דער אַלטער היים געפּרעגלט אין וואוילטאָג, האָט דאָ אין נייעם לאַנד דורכגעמאַכט אַלע שבֿעה-מדורי-גהינום. דאָס רייכע בעל-הבתיש קינד איז דאָ געוואָרן אַ מאַטראַצן-מאַכער און פֿאַרדינט דריי דאָלאַר אַ וואָך. אָט די עקסטרעמע ענדערונג אין זיין מאַטעריעלן לעבן האָט אים געבראַכט נאָענט צו די אַרבעטנדיקע מאַסן און אים באַהאָפֿטן מיט זיי אויף לעולם-ועד.

און אָט דאָס איז איינער פֿון ספּיוואַקס כאַראַקטערשטריכן: באַהעפֿט ער זיך מיט אַ באַוועגונג, איז עס מיט דער גרעסטער פֿרומקייט און געטרייקייט, מיט דער גרעסטער ליבשאַפֿט און איבערגעבנקייט.

און דער זיווג צווישן אַרבעטער-רינג און הערי ספּיוואַק איז ממש מן-השמים, וואָס מוז עולה-יפֿה זיין. אין אַרבעטער-רינג האָט הערי ספּיוואַק געפֿונען זיין בית-המקדש אין מיניאַ-

טור; דאָ, צווישן די ברייטע פֿאָלקסמאַסן און אויפֿריכטיקער דעמאָקראַטיע, קען ער, דער געזונטער פֿאָלקס־מענטש, זיך אויסלעבן אין זיין פֿולער געשטאַלטיקייט; דאָ, אין אַרבעטער־רינג, איז ער אַ „נאַש־בראַט" צווישן אייגענע און נאָענטע, און דאַרף זיך ניט בלאָזן און פּאָזירן, מאַכן אַן אָנשטעל פֿון יחוס און לומדות.

ב.

הערי ספּיוואַק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1890, אין דעם קליינעם שטעטעלע סקאָזינעץ, לעבן מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, רוסלאַנד. די משפּחה זיינע האָט געשמט אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט סיי מיט איר דורות־לאַנגן יחוס און סיי מיט איר בעל־הביתישקייט און פֿאַרמעגלעכקייט. אין דער משפּחה זיינען געווען רבנים, שוחטים, גרויסע למדנים און גאָר גרויסע גבֿירים און אַדירים.

אויך הערים היים האָט זיך געבאָדן אין יחוס און אין עשירות, ממש צו גאָט און צו לייט. הערים פֿאָטער איז געווען אַ בקי אין ש״ס און גאָר גרויסער חריף. חוץ־לזה האָט ער אויך פֿאַרמאָגט גאָר אַ סך וועלטלעכן וויסן און געווען גוט באַהבֿנט אין די העברעאישע און רוסישע ליטעראַטורן. הגם ער איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער איד און פֿאַרנומען אַ מזרח־אָרט אין גרויסן בית־המדרש, איז ער אָבער אויך געווען אַ איד אַ משכיל און ס׳איז אַ סבֿרא, אַז אין די מיטעלע יאָרן האָט ער שוין אָנגעהויבן אונטערצוזינדיקן מיט אַ קאַפּעטשקע אַפּיקורסוס.

הערים טאַטע איז געווען איינער פֿון די רייכסטע אידן אין שטעטל, האָט געהאַט אייגענע דריי ווינטמילן, אַן אייגענעם בראָנפֿן־זאַוואָד און בכלל געפֿירט גאָר גרויסע מסחרים וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש אין אויסלאַנד.

הערי איז געווען אַ בן־יחיד, און די עלטערן האָבן אים געגעבן ס׳טעלערל פֿון הימל. די מאַמע זיינע איז געווען די

גוטסקייט אַליין, די שטילע און פֿיינע צניעותדיקע פֿרוי, האָט זי איר בן־יחידל געקעכלט און אָפּגעהיט ווי ס'שוואַרצאַפּל פֿון אויג.

הערין האָט מען ניט געשיקט אין חדר, נאָר געהאַלטן פֿאַר אים אַ רבין אין שטוב. אַ רייך־צעבאַלעוועטער זינדעלע איז ער געווען, האָט זיך דעם רבינס תורה צו אים וויניק־וואָס צוגעקלעפּט. קיין למדן, ווי דער טאַטע, איז ער טאַקע ניט געוואָרן, אָבער וואָס אַ אידיש־בעל־הבתיש קינד דאַרף וויסן און קענען האָט ער אויסגעלערנט. און מערקווירדיק: דווקא די אידישע לימודים האָט ער מערער ליב געהאַט איידער די גויאישע.

הערי האָט פֿאַרענדיקט די שטאַטישע שול און אויך גע־גאַנגען צוויי יאָר אין גימנאַזיע, אָבער די דאָזיקע לימודים האָבן זיך צו אים ניט געקלעפּט. עפּעס האָט ער אומבאַוואוסט־זיניק געטראָגן אַ שנאה צו די ניט־אידישע לימודים. די סיבה איז, קענטיק, געווען די ניט־פֿריינטלעכע באַצאונג צום אי־דישן סטודענט און די צאַריסטישע קאַנצעלאַריע־אַטמאָספֿער וואָס האָט געהערשט אין די אַמאָליקע רעגירונגס־שולן און גימנאַזיעס.

די דאָזיקע פֿיינטלעכע באַציאונג האָט אין יונגן הערי אַרויסגערופֿן אַ געוואַלדיקע אומרואיקייט. געווען איז ער דעמאָלט אַ בחורל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, און שוין האָט אים גע־נומען ציען צו דער גרויסער וועלט פֿון וועלכער ער האָט געהאַט אַזאַ קליינעם באַגריף. געווען איז ער אַ בחורעץ אַ געזונטער און אַ שיינער, געהאַט האָט ער אויך כל־טוב און דאָך האָט ער זיך געריסן צו פֿאַרלאָזן די רייכע היים, די איבער־געגעבענע טאַטע־מאַמע און אַוועק אויף הפֿקר אין דער גרוי־סער וועלט אַריין.

און אין יאָר 1905, ממש נאָך אַ אינגל, איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, און תיכף אָנגעהויבן פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַרבעטן אין אַ „סוועט־שאָפּ‟ און פֿאַרדינען אויף קאַשע מיט ברויט.

דער אמת איז, אַז אַפֿילו דאָ איז ער געווען מער מזלדיק איידער אַנדערע אימיגראַנטן. ער איז געקומען צו אַן אָנקל, דעם טאַטנס אַ ברודער, וועלכער האָט שוין אַליין געהאַט אַ שטיקל פֿאַבריקל פֿון מאַטראַצן. דער פֿעטער האָט אים טאַקע זייער בכבֿודיק אויפֿגענומען, אָבער מער ווי דריי דאָלאַר אַ וואָך האָט ער אים ניט געוואָלט צאָלן. טאַקע אַן אייגענער פֿעטער און אַ שיינער איד אויך, אָבער לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע האָט הערי ניט געוואָלט. איז דער זיבעצן־יאָרי־קער הערי אַוועק אין דער מאַטראַצן־מאַכער יוניאָן און געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד. וואו אַ סטרייק, איז אונדזער הערי געווען דער ערשטער. דאָס רייכע היימישע בן־יחידל איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ פֿאַרברענטער יוניאָן־מאַן.

זעקס יאָר נאָכאַנאַנד איז הערי געווען אַ שווערער אַר־בעטער, זיך איינגעלעבט אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען און כמעט פֿאַרגעסן די אַלטע היים מיט אירע וואוילטאָגן. דאָס אַמאָליקע אומרואיק בחורל איז געוואָרן אַ געזעצטער מאַן מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר פֿליכטן און פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייטן.

אין 1911 האָט הערי ספּיוואַק געהייראַט, אָבער פּונקט דעמאָלט האָט ער געקראָגן אַ ידיעה אַז זיין טאַטע איז גע־פֿערלעך קראַנק און וויל אים זען פֿאַר דער פּטירה. ספּיוואַק האָט זיך מיט קיינעם ניט שואל־עצה געווען, ניט געהאַט דעם מינדסטן ישובֿ־הדעת, נאָר תיכף געפֿאָרן זען דעם טאַטן אין זיינע לעצטע מינוטן.

פֿאַר דער פּטירה האָט דער טאַטע זײַנער אים געבעטן ער זאָל צוזאָגן אָפּצוהיטן קדיש און יאָרצײַט, האָט הערי ספּי־וואַק געגעבן זײַן הייליק וואָרט און טאַקע מקיים געווען אויף זײַן אייגענעם האַרציקן אופֿן. ער האָט געשריבן צו זײַן יונג ווײַבעלע אין אַמעריקע זי זאָל תיכף קומען קיין רוסלאַנד, מחמת ער האָט באַשלאָסן צו פֿאַרבלײַבן דאָרטן דעם גאַנצן יאָר כּדי שטרענג אָפּצוהיטן דעם קדיש־זאָגן. זײַן פֿרוי, די אַמע־ריקאַנער געבוירענע און דערצויגענע, איז צו אים געקומען מיט אַ קליין עופֿהלע אויפֿן האַנט.

אַז דער קדיש־זאָגן האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט ספּיוואַק באַשלאָסן צופֿרידנצושטעלן אויך די מוטער זײַנע און אָרי־בערקומען דעם פּריזיוו. ספּיוואַק איז פֿאַניען געפֿעלן געוואָרן, און אים גענומען פֿאַר אַ סאָלדאַט. האָבן זיך אָנגעהויבן גרוי־סע שתדלנות מיט אַ היפּש ביסל כּאַבאַר, און מ'האָט אים שפּעטער באַפֿרײַט אין זכות פֿון זײַן אַ בן־יחיד.

אין 1914 איז ספּיוואַק מיט זײַן פֿרוי און איינציק טעכ־טערל צוריקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, און דאָס מאָל האָט זיי דער מזל געוואַלדיק צוגעשפּילט. שוין זײַענדיק אויף דער דײַטשער שיף, האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און די שיף האָט געמוזט מאַכן אַ סך קרײַצן און אומוועגן איידער זי איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

ספּיוואַק האָט בײַ זײַן אָנקומען זיך צוריקגעקערט צו זײַן פֿאַך, און ווידער אַ מאָל געוואָרן טעטיק סײַ אין דער יוניאָן און סײַ אין דעם מאַטראַצן־מאַכער־בּרענטש פֿון אַרבעטער־רינג.

אין 1919 איז ער אַרײַן אין ביזנעס מיט פֿיר שותּפֿים, און פֿאַרלאָרן יעדן אָפּגעשפּאָרטן סענט. די לאַגע איז געווען ממש אַ פֿאַרצווייפֿלטע, אָבער דאָ איז אים געקומען צו הילף

זיין פֿעטער, וועלכער האָט דורך דער צייט פֿון מלחמה שטאַרק מצליח געווען און געוואָרן היפּש רייך. נאָך צוויי יאָר מאַ־טערניש, האָט זיך ס׳רעדעלע איבערגעדרייט און דער מזל האָט אָנגעהויבן צו שיינען. ספּיוואַק איז שוין פֿאַרבליבן דער אָנגעזעענער מאַטראַצן־פֿאַבריקאַנט ביז דעם יאָר 1954, און דורך די אַלע יאָרן איז זיין שאַפּ געווען שטרענג יוניאָניזירט און זיינע אַרבעטער האָבן קיין מאָל ביי אים ניט געסטרייקט.

הערי ספּיוואַק איז שוין 45 יאָר אַ מיטגליד אין אַרבע־טער־רינג, און אין היגן ברענטש זינט 1937. דאָ איז ער אַכט יאָר קאַסירער פֿון ברענטש, קאַסירער פֿון דרום־דיסטריקט קעמפּ־קאָמיטעט און אויך קאַסירער פֿון דער געפּלאַנירטער „האָום״.



איזידאָר קאָהן

איזידאָר קאָהן

א.

איזידאָר קאָהן איז דער שטענדיקער אַדרעס פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. ער איז דער היימיש־טראַדיציאָנעלער גבאי־טיפּ, וואָס פֿירט זיך תמיד אַרום מיט כלערליי משולחים. יעדער אידישער שרײַבער, לעקטאָר און געלט־זאַמלער וואָס איז זיך מתעסק מיט אידיש־קולטורעלע־ענינים, ווייסט אַז דאָ, אין גרויס־מיאַמי, וואַרט אויף אים אַ ליבער מענטש און געטרייער טוער. הגם ער האָט ניט קיין רייכע און שיינע היים זיי אויפֿצונעמען אויף אַ בכבֿודיקן אופֿן, האָט ער אָבער אַ וואַרעם האַרץ, פֿול מיט דרך־ארץ פֿאַר זיי און זייער מיסיע.

אָט דער דאַזיקער פֿיזיש־שוואַכער איזידאָר קאָהן אַנטפּלעקט זיך אין די היגע אַרבעטער־רינג קרייזן ווי אַ גיבור, ווי אַ מענטש מיט אַ שטאָלענעם ווילן און גייסטיקע גבֿורה. ער איז ניט קיין שיין־רעדנער — און אפֿשר גאָר קיין דברן ניט — אָבער ער איז אַ מענטש מיט גרויסער השפּעה, און זיין רצון לאָזט זיך שטאַרק מערקן.

איזידאָר קאָהן איז ניט קיין קופּ־בראש, זוכט ניט צו זיין אומעטום דער פֿירער און מנהיג, און דאָך מערקט זיך בולט אין יעדע אונטערנעמונג זיין אָנגעהעריקייט און פֿירערשאַפֿט.

ער איז דווקא תמיד אַ שמייכלענדיקער, אָפֿט אויך אַ נחבאָ אל הכלים, אָבער וואו מען באַדאַרף און עס איז נייטיק איז ער אַ קריגערישער קעמפֿער וואָס באַשטייט אויף זיין געדאַנקען־גאַנג, ניט מוותר־זייענדיק אַפֿילו אויף אַ קוצו־של־יוד.

איזידאָר קאָהן איז ניט קיין אינטעלעקט און האָט ניט קיין

פּרעטענציעס, אָבער ער איז דער שומר מליל, דער שטענדיקער וואַכער און אָפּהיטער פֿון דער אַרבעטער־רינג אידעאָלאָגיע. ער איז כלו־אַרבעטער, אָן שינויים און ענדערונגען, און ווי אַ שטענדיקער האָרעפּאַשניק איז ער תמיד דער רעוואָלוציאָנערער קעמפּער פֿאַר אַלץ וואָס איז יושרדיק און מאָראַליש. ער איז ניט געקומען אין דער אַרבעטער ריי ווי אַ דרויסנדיקער, פֿון אויבן אַראָפּ, נאָר ווי אַן אינעווייניקסטער וואָס האָט פֿון קינדהייט אָן זיך אויסגעלעבט אויף שער און נאָדל. קיין מאַטעריעלן רייכטום האָט ער ניט דערוואָרבן, געבליבן אַ קבצן און אביון, אָבער דערפֿאַר האָט ער דערוואָרבן דעם אמתן אַרבעטער־גייסט, דעם אמתן אַרבעטער־געדאַנק.

אין די אַרבעטער־רינג קרייזן האַלט מען אים פֿאַר אַ פּעאיקן דיפּלאָמאַט און פּאָליטיקער, אָבער דאָס איז ניט דורכאויס ריכטיק. גיכער איז ער אַ מין אהרן הכהן אין מיניאַטור, אַ שטענדיקער שלום־מאַכער און אויסגלייכער פֿון סכסוכים. זיין איצטיקער כוח און גבֿורה איז: שכל און חכמה. ער קריכט ניט אויף גלייכע ווענט, ווייל ניט דווקא אָנווענדן דעם רוסישן „ביט פּאָסעמו", נאָר שטיל און בנעימותדיק, טאַקע בניחותאָ דרגאָ, פֿירט ער ס'זייניקע דורך.

איזידאָר קאָהן האָט, קענטיק, אַ סך געלערנט פֿון זיינע יונגע ברויזנדיקע יאָרן, פֿון די יאָרן פֿון פֿירערשאַפֿט אין די אַרבעטער־רייען און פֿון די יאָרן אין וועלכע ער האָט געקעמפּט און אָפּט געפֿאַלן דער קרבן פֿון די צעשטערנדיקע קאָמוניסטישע עלעמענטן. אָט די דאָזיקע ברויזנדיקע יאָרן האָבן געשליפֿן זיין מוח, געשאַרפֿט זיין פֿאַרשטאַנד, געלייטערט זיין געדאַנק, און אים דערפֿירט צו דער איצטיקער רייפֿקייט און שלימותדיקייט.

ניין, איזידאָר קאָהן איז ניט קיין פּוסח על שתי סעיפּים,

ניט קיין וואַקלענדיקער מיט צעשפּאָלטענע געדאַנקען און ניט קיין איבערהיפּער און שפּרינגענדיקער. ער שטייט פֿעסט אויף זיינע פֿיס, ווייס וואָס ער וויל דערגרייכן, און האָט זיין שטענדיקן און זיכערן אָרט אין די אַרבעטער־רינג רייען.

ניין, זיין חכמה איז ניט קיין איבערגעשפּיצטע, ניט קיין ליגנערישע און אַרויפֿגעשרויפֿטע; זי איז אַ פּשוטע און נאַרמאַלע, געזונטע און אויסגעהאַלטענע, דערוואַרבן דורך יאָרן פֿון דערפֿאַרונג און ענויים־קשים. דיליידן פֿון אַ קעמפּערישן אַרבעטער האָבן אים געלערנט, געגעבן חכמה און שכל, און איצטער באַנוצט ער זיך מיט די דאָזיקע גאָט־געבענטשטע אַטריבוטן.

זיין חכמה און שכל מערקט זיך אַפֿילו אין זיין עובֿדה פֿון אַ רעקאָרדינג־סעקרעטאַר, זיינער אַ באַריכט איז ניט געשריבן אין אַ „איוואָ״־אידיש, ניט געצאַצקעוועט און פּאָלירט, אָבער דערפֿאַר איז ער עקזאַקט און פּרעציז. פּשוט און דאָך חכמהדיק, אַזוי אַז קיינער האָט ניט קיין פּתחון־פּה עפּעס אויסצוזעצן אָדער אַמענדירן.

אַחוץ זיין חכמה און שכל, וואָלט איך זאָגן, אַז ער רעפּרעזענטירט די אמתע פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע. איך האָב אים ניט געקענט אין זיינע יונגע ברויזנדיקע יאָרן, אָבער שוין פֿופֿצן יאָר אַז איך האַלט אים אין איין באַאָבאַכטן און זיך פֿאַרקוקן סיי אויף זיין שמייכל און סיי אויף זיין ברוגזדיקייט. איןביידע שטימונגען זיינע האָב איך דערזען דעם דעמאָקראַטישן מענטשן אין זיין גאַנץ ברייטער אויפֿפֿאַסונג. אַפֿילו אין זיין יום־טובֿדיקייט, אין זיין סאַמע העכסטער דערהויבנקייט פֿון נצחון און כּבֿוד, איז ער דער עמך־מענטש, דער יאַט פֿון שער און אייזן און שלימותדיקער אַרבעטער־טיפּ.

איזידאָר קאָהן איז שוין אויך אַ זיבעציקער, קיין עין־הרע,

אָבער זיין אַלטקייט איז בלויז אַ פּיזישע. אין גייסט און אין טאַקטישקייט, אין אויסגעהאַלטנקייט און אין שטאַנדהאַפטי־קייט, אין אַרבעטער־טרייהייט און אין אַרבעטער־אידייאיש־קייט, איז ער נאָך היפשלעך יונג און קרעפּטיק, סאָליד און גבֿורהדיק.

זיין מהות איז די אַרבעטער־פּערזענלעכקייט, וואָס איז אַזוי וויניק בנמצא אין דער איצטיקער צעמישעניש פֿון מוחות און אידייען. ס׳איז די פּערזענלעכקייט וואָס האָט זיך אין משך פֿון יאָרן אויסקריסטאַליזירט אין אַ געזונטן אַרבעטס־מענטש און אַרבעטער־טוער. ס׳איז די פּערזענלעכקייט וואָס מען מוז אַכטן און פֿאַרערן אַפֿילו בעת מ׳האָט אַ סך אָפּצואווענדן און אויסצווזעצן.

איזידאָר קאָהן איז אַ טייל פֿון היגן אַרבעטער־לעבן, און דער טייל איז אַ געזונטער און פּרוכטבאַרער. הלוואי נאָר אויף נאָך לאַנגע און לאַנגע יאָרן!

ב.

איזידאָר קאָהן איז געבוירן געוואָרן אין 1885, אין סלוצק, מינסקער גובערניע. די היים איז געווען אַן אָרעמע, און איזידאָר קאָהן האָט די דאָזיקע אָרעמקייט דערפילט אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון זיין לעבן.

דער טאַטע זיינער איז געווען אַ פּשוטער עמך־איד, אָבער פול מיט האַרציקייט און איבערגעגעבנקייט. ער איז געווען אַ שווערער אַרבעטער, געטאָן כל עבודת־פּרך אין אַ ווינטמיל, געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פאַלעס, און דאָך אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. אין שטוב האָט כסדר געוועלטיקט דער דלות, און דאָך האָט דאָרטן גערוט אַ פולשטענדיקע מנוחה און צופרידנקייט.

קאָהן געדענקט ניט יענע מנוחה און צופרידנקייט, וואָרן שוין אויפן פערטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער געזען זיין היים אַ צעבראָכענע און רואינירטע, אַ פאַרוויינטע און פאַרטרויערטע. זיין יונגער טאַטע, דער צופרידענער אָרעמאַן, איז בעת דער אַרבעט אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין די פליגלען פון דער ווינטמיל און אין גרויסע יסורים אויסגעהויכט זיין נשמה.

קאָהן געדענקט גוט אָט יענעם טראַגישן טאָג, און נאָך היינט פילט ער די גרוילעכקייט. ווי אַ שאָטן איז אים אָט יענע גרוילעכקייט תמיד נאָכגעגאַנגען, און זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין געמיט.

צוזאַמען מיטן טאַטן האָט ער אויף אַ טראַגישן אופן אויך פאַרלאָרן זיין היים און זיין באַשיצער. קאָהן איז געוואָרן אַ יתום, און דער פיר־יאָריקער אינגל איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון סלוצקער גבאים און גבאיטעס. צו פיר יאָר האָט ער

שוין געמוזט עסן „טעג״ ביי פֿרעמדע טישן, און כדי צו פֿאַרזיכערן די שפּייזער זיינע מיט עולם־הבא האָט ער געמוזט זיין אַ „סטאַטעטשנע״ בחורל און זיך פֿלייסיק לערנען אין דער שטאָטישער תּלמוד־תּורה.

קיין גרויסער למדן איז ער, משמעות, ניט געוואָרן, וואָרן צו צוועלף יאָר האָבן די „גוטהאַרציקע״ פֿון סלוצק אים שוין אָוועקגעגעבן אַלס לערן־אינגל צו אַ טאַנדעטנעם שניידער, און אין דער דאָזיקער שניידעריי איז ער פֿאַרבליבן אַלע זיינע יאָרן.

צו פֿערצן יאָר האָט איזידאָר קאָהן שוין אָנגעהויבן רעוואָלטירן, און געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד אין „קליינעם בונד״. ס'געדויערט ניט לאַנג און ער ווערט אַקטיוו אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין וואָס איז אָנגעשלאָסן אין „בונד״.

קאָהן איז נאָך היפּשלעך יונג, אָבער די צאַריסטישע רעגירונג האַלט שוין אויף אים אַ וואַכעדיק אויג און אַרעסטירט אים פֿאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. ער פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַ צאַריסטישער טורמע, זיצט אָפּ גאַנצע זעקס חדשים און ווערט באַפֿרייט מיט אַ וואָרנונג זיך ניט צו מישן אין פּאָליטישע ענינים.

דער יונגער קאָהן איז אָבער ניט פֿון די שרעקעדיקע, און וואַרפֿט זיך ערשט אויף ס'ניי אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ער ווערט ווידעראַמאָל אַרעסטירט, און דאָס מאָל ווערט ער שוין פֿאַרמשפּט אויף צוויי יאָר. די חבֿרים פֿון „בונד״ ראַטעווען אים אַרויס, און ער אַנטלויפֿט קיין אַמעריקע.

דאָ, אין אַמעריקע, איז ער אָנגעקומען אין 1907, און ווי דער בייזער שיקזאַל וואָלט אים כּסדר אָנגעיאָגט, קומט ער אָן דווקא אין יאָר פֿון גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס. ער האָט

קוים געקראָגן אַ „דזשאָב״ אין זיין פֿאַך, און פֿאַרדינט גאַנצע דריי און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך פֿאַר אַ זעכצן־שעהדיקן אַר־בעטס־טאָג.

קיין וואונדער ניט וואָס איזידאָר קאָהן האָט זיך תיכף־ומיד אַריינגעוואָרפֿן, טאַקע ממש מיטן לייב און לעבן, אין קאַמף קעגן דעם דעמאָלטיקן שוויץ־שאָפּ. אין יענע יאָרן איז נאָך דער טעקסיל־אַרבעטער, ווי בכלל יעדער אַרבע־טער, ניט געווען אָרגאַניזירט, און די אָרגאַניזירטע טרייד־יוניאָנס האָבן ניט געהאַט די איצטיקע שטאַרקייט. איזידאָר קאָהן האָט די דאָזיקע ניט־אָרגאַניזירטקייט ניט געקענט תופס זיין, און האָט מיט זיין יוגנטלעכן ברען געהאָלפֿן אָרגאַניזירן און שטאַרקן דעם לאָקאַל 9, און בלויז אין איין איינציק יאָר ווערט ער שוין דערוויילט אין דער עקזעקוטיוו פֿון זיין יו־ניאָן־לאָקאַל. אַזוי איז ער שוין פֿערצן יאָר נאָכאַנאַנד, פֿון 1910 ביז 1924, געווען אַ מיטגליד פֿון דער עקזעקוטיוו, אָפֿט אַפֿילו סעקרעטאַר אָדער פֿאָרזיצער פֿון לאָקאַל.

אין יענעם יאָר, אין 1924, איז די קאָמוניסטן געלונגען צו פֿאַרכאַפּן זיין באַליבטע יוניאָן, און קאָהן ווערט אָן רחמנות אַרויסגעשטויסן פֿון דער אַרבעט אין שאָפּ. קאָהן בלייבט דע־מאָלט ממש אָן אַ שטיקל ברויט. ער איז דעמאָלט געצוואונגען זיך צו עפֿענען אַ מין „קלינינג־סטאָר״ כדי מפרנס צו זיין די וואַקסנדיקע פֿאַמיליע.

קיין גרויס מזל האָט ער אין זיין נייער אינטערנעמונג ניט געהאַט, הגם ער איז דווקא געווען אַ גוטער שניידער און געקענט פֿאַרלייגן אַ לאַטע וואו מ׳האָט נאָר באַדאַרפֿט. צום גליק האָבן די קאָמוניסטן דעמאָלט אַרויסגערופֿן אַן אומגע־לונגענעם סטרייק, און די „אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן״ האָט ווידעראַמאָל איבערגענומען דעם

לאָקאַל 9. יענער טאָג איז אפשר געווען דער פרייליכסטער אין קאָהנס לעבן, וואָרן קודם־כל האָט ער זיך געפרייט מיטן זיג קעגן די קאָמוניסטישע צעשטערער, און חוץ לזה האָט ער ווידעראַמאָל געקענט דינען זיין באַליבטער יוניאָן. איזידאָר קאָהן איז געוואָרן דער „ביזנעס־איידזשענט", און געהאָלפן דעם לאָקאַל דערגרייכן זיין גרויסקייט און אָנגעזעענקייט.

דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט איזידאָר קאָהן געדינט זיין יוניאָן־לאָקאַל און אים אַוועקגעגעבן אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע כוחות, ביז ער האָט צוליב דער דאָזיקער שווערער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע. ער האָט זיך לכתחילה געוועהרט קעגן דער דאָזיקער קרענק, זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, אָבער אַ יאָר שפּעטער, אין 1940, איז די קראַנקייט געוואָרן אַזוי ערנסט אַז ער האָט געמוזט איבערלאָזן אַלץ און אַלעמען און אַנטלויפן קיין פלאָרידע זיך ראַטעווען ס'לעבן.

צוזאַמען מיט זיין ענערגישער און טרייער אַרבעט פאַר זיין יוניאָן, האָט ער זיך אויך איבערגעגעבן צו דער אַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און אין דעם אַרבעטער־רינג. ווי נאָר ער האָט געשטעלט אַ פוס אויפן אַמעריקאַנער באָדן, האָט ער זיך תיכף אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. בעת ער האָט געוואוינט אין ניו־יאָרקער דאַון־טאַון געגנט, איז ער געווען ביז גאָר אַקטיוו אין אַכטן אַסעמבלי דיסטריקט; בעת ער האָט זיך איבערגעקליבן אין האַרלעם געגענט, איז ער געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער 103טער גאַס. שפּעטער וואוינענדיק אין די בראָנקס, האָט ער געאַרבעט אין בראַנטש 1 פון דער פעדעראַציע. בעת די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, האָט ער מיטגעהאָלפן אין דער גרינ־

דונג פֿון אַ פֿאַרבאַנד־ברענטש אויפֿן נאָמען פֿון איזידאָר שלעזינגער.

אַ גאָר וויכטיק קאַפּיטל אין זיין לעבן, איז די טעטיקייט זיינע אין אַרבעטער־רינג. בעת ער איז געקומען קיין אַמע־ריקע, האָט ער שוין דאָ געפֿונען אַ סלוצקער פֿאַראיין וועמענס אויפֿגאַבע ס׳איז געווען צו שטיצן מיט געלט דעם „בונד״ אין רוסלאַנד. אין 1912 האָט דער דאָזיקער סלוצקער פֿאַראיין זיך אָרגאַניזירט ווי אַ ברענטש פֿון אַרבעטער־רינג און גע־קראָגן דעם נומער 500. פֿון יענעם טאָג אָן הייבט זיך אָן קאָהנס איבערגעגעבענע אַרבעט אין אַרבעטער־רינג, און אַ דאַנק זיין מיטהילף איז דער נייער ברענטש געוואַקסן ווי אויף הייוון. ממש כהרף־עין האָט דער ברענטש דערגרייכט די צאָל פֿון פֿיר הונדערט (400) מיטגלידער.

אין אַרבעטער־רינג האָט איזידאָר קאָהן תמיד פֿאַרנומען אַן אָרט אין מזרח־וואַנט. ביי זיך אין ברענטש האָט ער תמיד אָנגעהאַלטן אַן אַמט, אַ מאָל רעקאָרדינג־סעקרעטאַר, אַ מאָל האָספּיטאַלער, און אַ מאָל ביידע אַמטן צוזאַמען.

אין 1915 ווערט ער אַ מיטגליד אין ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט. צוויי יאָר שפּעטער איז ער שוין סעקרעטאַר פֿון סעמעטערי־דעפּאַרטמענט, און אין יאָר 1921 ווערט ער שוין דערוויילט אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וואו ער פֿאַר־בלייבט אַ מיטגליד פֿיר יאָר נאָכאַנאַנד. דורך דער צייט איז ער אויך צוויי יאָר געווען אַ מיטגליד אין מעדיקאַל־דעפּאַרט־מענט. אַגבֿ, איז ער אויך געווען אַ דעלעגאַט צו די נאַציאָנאַ־לע קאָנווענשאַנס אין פֿילאַדעלפֿיע, שיקאַגאָ און באָסטאָן.

אויך אין מיאַמי־ביטש האָט ער ניט אַראָפּגעלאָזט די הענט זיינע, און הגם דאָס געזונט זיינס האָט אים ניט תמיד דער־

לויבט, איז ער דאָך כסדר געווען איינער פֿון די סאַמע אַק־טיווסטע און אָנגעזעענסטע אין ברענטש 692. אפֿילו דאָ האָט ער פּאַקטיש תמיד אָנגעהאַלטן אַן אַמט, און איז נאָך איצטער רעקאָרדינג־סעקרעטאַר פֿון ברענטש און פֿון דער י. ל. פּרץ־שול.